**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט זעקס טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר אסינינג אלץ טייל פון 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

***זעקס דאונטאון אויפלעבונג פראיעקטן וועלן פארבעסערן פוסגאנג מעגליכקייט, טראנזיט באנוץ און צוטריט צו די וואסער ברעגעס; פארבעסערן פובליק פלעצער פאר פערפארמינג ארטס און קולטורישע אקטיוויטעטן; און פארברייטערן קאמיוניטי סערוויסעס.***

***געמאלענע בילד פון די פראיעקטן זענען פארענפטליכט [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט זעקס טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין ווילעדזש אוו אסינינג אלץ טייל פון די 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענט. די פארטיילונגען וועלן שטארקן די קאמיוניטיס פוסגאנג-מעגליכקייט, רייכע היסטארישע, קולטורעלע און נאטור אוצרות.

מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער פריאריטיזירן טראנספארמירנדע פראיעקטן דורך געצילטע אינוועסטירונגען וואס וועלן שטארקן קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק, **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פראיעקטן וועלן מאכן אן מער פוסגייער-פריינטליכע, לעבהאפטיגע אסינינג, בשעת'ן פארברייטערן קאמיוניטי סערוויסעס און טרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג וואס וועט בענעפיטירן דורות פון ניו יארקער וואס רופן אסינינג זייער היים."

די ווילעדזש אוו אסינינג באזיצט מערערע באדייטנדע פארמעגנס אויף וואס צו בויען - די האדסאן טייך וואסער ברעג, א היסטארישע מעין סטריט, עטנישע און קולטורישע פארשידנארטיגקייט דורך א גרויסע לאטינא און אפריקאנער-אמעריקאנער באפעלקערונג און א מעטרא-נארט באן סטאנציע. אסינינג'ס אויפלעבונג איז קאנצענטרירט אויף א סעריע פון צוזאמענארבעטנדע פראיעקטן צו פארשענערן פובליק פלעצער, פארבעסערן קולטור און קאמיוניטי פארמעגנס און בויען די אינפראסטרוקטור צו שטיצן עקזיסטירנדע ביזנעסער און אויסנוצן נייע וואוקס און אנטוויקלונג ווייט אויסער די דאונטאון געגנט. די אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן אין די מיד האדסאן ראיאן. די דאונטאון ווידעראויפלעבונג איניציאטיוו אווארד (DRI) ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצירט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט.

די ספעציפישע פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראטעגיעס וועלכע ווערן אויסגערעכנט אין די קאמיוניטי'ס סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן, צום ביישפיל צו פוסגאנג מעגליכקייט, טראנזיט באנוץ און צוטריט צו די וואסער ברעגעס; פארבעסערן פובליק פלעצער פאר פערפארמינג ארטס און קולטורישע אקטיוויטעטן; און פארברייטערן קאמיוניטי סערוויסעס.

די 9.7 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פראיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאך אנדערע פובליק און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

די פראיעקטן רעכענען אריין:

**<u>פארבעסערן פוסגייער-פריינטליכקייט, טראנזיט באנוץ און וואסער ברעג צוטריט</u>**

**בויען א מולטי-מאדעל טראנספארטאציע צענטער צו ערמעגליכן געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט - DRI סומע: $2,243,000**
בויען א מולטי-מאדעל טראנספארטאציע צענטער צו צושטעלן אומגעפער 240 וויהיקל פארקינג פלעצער, ווי אויך ביציקל אינפראסטרוקטור צו ערמעגליכן פארקינג און טשארדזשינג, צו שטיצן אינפיל דעוועלאפמענט אין דאונטאון און שטיצן ווייניגער אפהענגיגקייט אויף וויהיקל באנוץ. דער צענטער וועט ארויסגעבן באנייבארע ענערגיע דורך א סאלאר אויסשטעל אויפן דאך, און דער דעזיין וועט זיין אין איינקלאנג מיט די היסטארישע כאראקטער פון די מעין סטריט קארידאר.

**פארבעסערן סטריטסקעיפינג אין די סטאנציע פלאזא געגנט צו פארבעסערן פארבינדונג - DRI סומע: $857,000**
פארשענערן די סטאנציע פלאזא געגנט דורך פארבעסערטע גאסן, פארברייטערטע סיידוואלקס, ביציקל מעגליכקייטן, מאכן פלאץ, און פארבידונג צווישן די וואסער ברעג און העכערע מעין סטריט.

**<u>פארבעסערן פובליק פלעצער פאר פערפארמינג ארטס און קולטור אקטיוויטעטן</u>**

**פארשענערן און פארגרעסערן די מארקעט סקווער פובליק פלאזא - DRI סומע: 2,000,000**
דעזיינ'ען און בויען א נייע פובליק פלאזא וואס זאל אנטהאלטן זיץ פלעצער, נייע לענדסקעיפינג, א הויכע סטעידזש און קיאסקן. דער פובליק פלאזא וועט ווייטער פארבלייבן אונטער פובליק אייגנטומערשאפט.

**פרעזערווירן און ווידעראויפלעבן די היסטארישע אליוו אפערע הויז געביידע - DRI סומע: $1,300,000**
דורכפירן אויסערליכע איבערבוי, צוריקשטעלונג און רעטראפיטינג פון די אינעווייניג פון די געביידע צו ערלויבן בויגזאמע ארבעטספלעצער, סטודיאס און א פערפארמענס פלאץ מיט געבויטע סטעידזש.

אפגרעיד'ן די **Louis Engel וואסערפראנט פארק פערפארמענס פלאץ - DRI סומע: $600,000**
ערזעצן דעם יעצטיגן סטעידזש מיט א נייע, געדעקטע פארגעשריטענע פערפארמענס פלאץ צו אקאמאדירן פארשטעלונגען אין שווערע וועטער בשעת'ן ציען לאקאלע איינוואוינער און באזוכער צום וואסער ברעג.

**<u>פארברייטערן קאמיוניטי סערוויסעס</u>**

**טראנספארמירן די Joseph G. Caputo קאמיוניטי צענטער - DRI סומע: $2,500,000**
טראנספארמירן די קאמיוניטי צענטער צו א פארגעשריטענע פאסיליטי פאר פארוויילונג און לערנונג פון יונגערע און עלטערע וואס וועט שאפן געלעגנהייטן פאר ערפינדערישע פראגראמען בשעת'ן צושטעלן פארברייטערע און פארבעסערע פלאץ פאר STEM און ספארטס פאר קינדער, ערוואקסענע און עלטערע.

**ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט ראבערט ד. ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארק'ס דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו טוט טראנספארמירן קאמיוניטיס דורכאויס דעם סטעיט צו לעבהאפטיגע קוועלער פון אקטיוויטעט, און די פראיעקטן וואס זענען אויסגעוועלט געווארן פאר די ווילעדזש אוו אסינינג זענען

נישט קיין אויסנאם. די סטראטעגישע אינוועסטירונגען וועלן שאפן נייע פארגעשריטענע פאסיליטיס פאר פובליק פארוויילונג, צוזאמענקונפטן און לערנונגען וואס ציען איינוואוינער און באזוכער צוגלייך צום ווילעדזש'ס היסטארישע דאונטאון געגנט און וואסער ברעג, בשעת'ן אויך פארבעסערן די פארבינדונגען אינעם קאמיוניטי דורכן אויפבויען א מולטי-מאדעל טראנספארטאציע צענטער און ברייטערע גאסן און סיידוואלקס צו פארמערן שפאצירן און פארן מיט ביציקלער. די פראיעקטן וועלן בענעפיטירן די גאנצע קאמיוניטי פאר די קומענדיגע דורות, און איך קוק ארויס צו זען זייער ערפאלג."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "די ווילעדזש אוו אסינינג האט א רייכע היסטארישע גערוך וואס איז איינגעזאפט אין די געוועב פון די קאמיוניטי. די דאונטאון אויפלעבונג אינציאטיוו וועט אסאך אויפטון צו פרעזערווירן די קאמיוניטי'ס קולטורישע און סאשיא-עקאנאמישע פארשידנארטיגקייט, בשעת'ן שאפן א צוציענדע לאקאציע פאר איינוואוינער, ביזנעסער און באזוכער וואס שטעלן צונויף די אסינינג קאמיוניטי."

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט**, "די היינטיגע מעלדונג גייט ווייטער אין שפאן מיט די דאונטאון אויפלעבונג אינציאטיוו'ס פארשריט צו פארשענערן געגנטער דורכאויס ניו יארק דורך געצילטע אינוועסטירונגען וואס ווערן געמאכט אינאינעם מיט לאקאלע פירער.אסינינג'ס איינוואוינער וועלן באלד בענעפיטירן פון סטעיט אינוועסטירונג אין זעקס פראיעקטן וועלכע וועלן פארבעסערן פוסגייער-פריינטליכקייט, פארבעסערן צוטריט צום וואסער ברעג, און הייבן די ווילעדזש'ס רייכע קולטור און היסטארישע העריטעדזש."

**סטעיט סענאטאר עליידזשע רייכלין-מעלניק האט געזאגט,** "אסינינג'ס רייכע קולטורישע פארשידנארטיגקייט, הערליכע האדסאן טייך לאקאציע, און ערפינדערישע שולע דיסטריקט זענען הויפט טיילן פון איר שפרודלדיגע לאקאציע עקאנאמיע. די גרויסע אינוועסטירונג אין איר עקאנאמישע אנטוויקלונג וועט ווירקן צום גוטן אויף דעם ווילעדזש פאר לאנגע יארן."

**אסעמבלי מיטגליד סענדי גאלעף האט געזאגט,** "די ווילעדזש אוו אסינינג וועט שטארק בענעפיטירן פון די NYS דאונטאון אויפלעבונג אינציאטיוו. אסי איז א היסטארישע קאמיוניטי אויפן האדסאן טייך וואס צוליב איר עלטער האט מער געברויכן כדי צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אירע איינוואוינער. דער גרויסער גרענט וועט אסאך אויפטון צו פארבעסערן די אינפראסטרוקטור און פארשטארקן קולטורישע געלעגנהייטן. איך דאנק גאווערנער האקול פאר דער איניציאטיוו און פינאנציעלע שטיצע פאר Ossining."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזאקוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "היינט איז א גרויסער טאג פאר די ווילעדזש אוו אסינינג. א שטאט צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו סומע מיינט אז א טראנספארמאציע פאר די היסטארישע קאמיוניטי איז אויפן האריזאנט.מיר ווילן זען קאמיוניטיס וואקסן און בליען, זיין לעבהאפטיג און צוציענד, און דאס איז פונקטליך וואס ניו יארק סטעיט טוט פאר אסינינג.איך דאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט, און איך קוק ארויס צו באזוכן אסינינג און זען דעם DRI פראיעקט ווערן פארווירקליכט."

**ווילעדזש אוו אסינינג מעיאר ריקא לעווין האט געזאג**ט, "אסינינג טוישט זיך און די געלטער ערלויבן אונז זיך צו טוישן פיל שנעלער, פארווירקליכנדיג דאס אויף וואס מיר האבן געטרוימט שוין אזוי לאנג און ערפולנדיג אונזערע צילן פאר א בליענדע, אריינגעמענדע און אנהאלטבארע קאמיוניטי.מיר זענען דאנקבאר פארן גאָווערנאָר און פאר ניו יארק סטעיט פארן גלייבן אין אונז און אנערקענונג פון אסינינג'ס לעבהאפטיגע היסטאריע און אומבאגרעניצטע צוקונפט."

**מיד-האדסאן ראיאנישע דעוועלאפמענט קאונסיל קא-טשעירס דר. מארשא גארדאן און דר. קריסטין יאנג האבן געזאגט,** "די דאונטאון אויפלעבונג אינציאטיוו טוט טראנספארמירן דאונטאון געגנטער אין ניו יארק סטעיט דורך וויכטיגע אינוועסטירונגען און פראיעקטן וואס קאמיוניטי מיטגלידער אנטוויקלען. די זעקס פראיעקטן וועלן

טראנספארמירן דאונטאון אסינינג צו א שפאצירבארע קאמיוניטי מיט פובליק צוזאמענטרעף פלעצער און קולטור אקטיוויטעטן וואס וועלן צוציען מענטשן פון דורכאויס דעם סטעיט און לאנד צו באזוכן און מאכן דעם ווילעדזש זייער נייע היים, בשעת'ן פארבעסערן די לעבנס און וואוילזיין פון עקזיסטירנדע איינוואוינער. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע געטריישאפט צו ווידעראויפלעבן אונזער שטאט'ס דאונטאונס."

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

ניו יארק סטעיט'ס DRI – א הויפט באשטאנדטייל פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם – טראנספארמירט שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפענטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418